# צום פינטל

גליון ל
פרשת נשא תשפ"ג

## משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

**ונקתה ונזרעה זרע**

**• בושות פועלט**

שטייט אין ספרים אז ווען א מענטש האט 'בושות', קען ער דאן פועל'ן זאכן למעלה מדרך הטבע, זאכן וואס סתם אזוי וואלט מען נישט געקענט פועל'ן, דורעך 'בושות' קען מען יא פועל'ן, מ'קען דאן העלפן זיך אדער אנדערע, ווי ס'איז באקאנט אסאך היינטיגע מעשיות אויף דעם וואס מענטשן האבן געזעהן ישועות. די יסוד הדבר זעהט מען ביי סוטה וואס מ'האט חושד געווען בשקר, און די חז"ל זאגען 'אם היתה עקרה נפקדת, יולדת בצער, יולדת בנקל', אז אין די זכות פון די בושות ווערט נתהפך איר גאנצע מציאות צום גוטן.

'בושות' איז אזוי ווי 'מיתה', כאילו דער מתבייש איז געשטארבן, און דאס וואס ער לעבט ווייטער, איז דאס כאילו ער איז געבוירן געווארן פון פריש, איז אויב מתחילה האט ער געהאט א שלעכטע מזל, יעצט ווען ער ווערט געבוירן פון פריש, קען ער באקומען א גוטע מזל. אזוי ווי ביי סוטה וואס מתחילה איז זי געווען אין די מזל פון א 'עקרה', און דורעך די בושות וואס זי איז אדורעך, איז זי כאילו ווי געבוירן פון פריש און זי ווערט נפקדת.

א סוטה גייט דורעך א שווערע דורכגאנג, אויב אבער איז זי נישט נכשל געווארן, איז אדרבא די גאנצע שוועריגקייט ווערט איבערגעדרייט פאר א ישועה. די גאנצע 'קנאה וקנאות' פון דער מאן, וואס האט איר געווארענט, די שטארקע גבורות זיינע, אלעס ווערט איבער געדרייט צום גוטן, זיי מאכן פון איר, א נייע מענטש.

דער ספורנו זאגט (בראשית טז ע"ב) אויף די פסוק וואס שטייט ביי רחל 'אולי אבנה ממנה', אז 'קנאה' האט מורא'דיגע כוחות, קנאה עפענט אויף נייע האריזאנטן, כוחות למעלה מדרך הטבע ("אולי הקנאה תעורר הכח לפעולותיו"). אזוי אויך ביי סוטה, די 'קנאה וקנאות' וואס דער מאן בייזערט זיך אויף איר, ס'צושאקלט איר אינגאנצן, זיי

**ווען א מענטש האט 'בושות', קען ער דאן פועל'ן זאכן למעלה מדרך הטבע, זאכן וואס סתם אזוי וואלט מען נישט געקענט פועל'ן, דורעך 'בושות' קען מען יא פועל'ן, מ'קען דאן העלפן זיך אדער אנדערע, ווי ס'איז באקאנט אסאך היינטיגע מעשיות אויף דעם וואס מענטשן האבן געזעהן ישועות. די יסוד הדבר זעהט מען ביי סוטה**

מאכן פון איר א חורבן. אבער אויב איז זי יא געווען ערליך, ווערט די אויפשאקלינג איבערגעדרייט צום גוטן, זי ווערט א נייע מציאות.

**• יהא חלקי אם מי שחושדין אותו**

א סוטה האט צוויי זייטן, אויב איז זי נישט געווען ערליך, ווערט זי באשטראפט מיט קללות און בזיונות, אויף א דרגא וואס מ'טרעפט נישט זיינס גלייכן אין די תורה. אבער אויב איז זי יא געווען ערליך, ווערט זי אויפגעפרישט מיט מיוחד'דיגע ברכות, 'ונקתה ונזרעה זרע', גוטע קינדער און א גוטע נאמען, ווי די גמרא זאגט אין מסכת ברכות (לא ע"ב) "אם היתה עקרה נפקדת וכו', יולדת בצער יולדת בריוח, נקבות יולדת זכרים, שחורים יולדת לבנים, קצרים יולדת ארוכים".

שטייט פון ר' הלל קאלמייער (בספרו מקרי דרדקי) אז די אלע ברכות איז לאו דוקא ביי א סוטה וואס האט געטרינקען פון די 'מים המרים', נאר אויך אויב דער מאן האט איר פארשיקט מיט א 'גט פטורין' צוליב חשד, איז אויב איז זי יא געווען ערליך, איז זי אויך זוכה צו די אלע השפעות פון 'ונקתה ונזרעה זרע'. ווייל מיט די עצם 'חשד' פון 'מי שחושדין אותו ואין בו', מיט דעם אליינס איז מען שוין זוכה צו די אלע ברכות פון 'ונקתה ונזרעה זרע'. און ער ברענגט א ראיה צו דעם פון מדרש ביי שרה כדלהלן.

ר' יוסי זאגט (שבת קיח ע"ב) "יהא חלקי אם מי שחושדין אותו ואין בו". די יסוד פון די זאך זעהט מען ביי א 'סוטה', אז מ'האט איר חושד געווען, און זי זוכה במיוחד צו כבוד, גוטע קינדער און א גוטע נאמען, כדי צו פארדעקן די בושות וואס זי האט געליטן. אויך יעדער וואס איז נחשד געווארן בשקר, איז זוכה במיוחד צו עושר וכבוד, צו באדעקן זיינע בזיונות.

דער מהר"ל (חידושי אגדות שם) זאגט, אז היות ס'איז אנגענומען ביי מענטשן אז "אין אדם נחשד אלא אם כן יש בו", קומט אויס די בושות פון איינער וואס איז נחשד, איז גאר שווערע בושות, מענטשן נעמען עס אפילו נישט אהן פאר א ספק, ס'איז ביי זיי א זיכערע זאך, אויב איז יענער נחשד געווארן, איז מסתמא 'יש דברים בגו'. זאגט דער מהר"ל אז

המשך בעמוד הבא

דייקא ווייגן דעם איז די שכר זיינע אזוי גרויס, 'יהיה חלקי וכו'', היות די בושות זענען אזוי שטארק, מיט אזא שטארקע ודאות, איז די שכר אויך אזוי שטארק.

ווען א מענטש ווערט נחשד און ס'איז טאקע אמת, איז זיך דאס אים געקומען, אבער אויב ווערט מען נחשד בשקר, דערטראגט זיך נישט די ווייטאג, ס'וויל זיך שרייען אין די גאסן אויף די שרעקליכע שקר וכזב, די ווייטאג פון אזא מענטש איז נישט צו פארשטיין. איז ווייגן דעם ווערט ער געבענטשט מיט אזעלכע גרויסע ברכות, צו בארואיגן זיינע בושות, אזוי ווי ביי א סוטה וואס איז יא געווען ערליך.

א באקאנטע מעשה איז דא מיט די מאמע פון דער הייליגער סטרעליסקער, וואס זי איז נחשדה געווארן בשקר, און דער גרויסער מגיד האט איר געראטעוועט פון חשד, ער האט איר געהאלפן צום שידוך און שטארק אנגעווינטשן, און זי האט זוכה געווען צו דער הייליגער סטרעליסקער (עי' באריכות בהיכל סטרעליסק, ביאתו לעולם דף קמא).

### ◆ שרה, רבקה

א אינטערסאנטע זאך, אז די גרעסטע ביי כלל ישראל זענען אדורעך די נסיון, אז די גאס האט זיי חושד געווען און ס'איז נישט געווען אמת. 'שרה אמנו' איז מבואר אין בראשית רבה (פרשה נג פסקה ו) אז זי האט זוכה געווען צו קינדער פון א קל וחומר מ'סוטה', מה דאך א 'סוטה' כל שכן 'שרה' וואס איז אריין צו פרעה און אבימלך, יעדער האט איר בארעדט, אבער באמת איז זי ארויס ריין. בפרט ווי ס'איז מבואר אין אור החיים הק' (בראשית פרק יב פסוק יג) אז אברהם אבינו האט ממש מזהיר געווען שרה ווי א 'סוטה', מיט דעם וואס ער האט געזאגט 'אחותי את', און דאס האט אברהם געזאגט 'למען ייטב לי בעבורך, וחיתה נפשי בגללך', אז זי וועט ארויסגיין ריין וועסטו זוכה זיין צו קינדער.

און מעין זה איז מבואר אויף 'רבקה אמנו' אז זי איז נחשד געווארן פון אליעזר, און בזכות זה איז זי נפקד געווארן (פרדס יוסף, ועי' בישמח משה תולדות דף נח ע"א, ובפנים יפות בראשית כה כב מה שמבארים בזה). אויך זאגען די ספרים א רמז אז גלייך לעבן די פרשה פון אבימלך מיט רבקה, שטייט 'ויזרע יצחק ויברכהו ה'', דאס הייסט אז בזכות דעם וואס 'רבקה' איז געווארן נחשד פון אבימלך און זי איז געבליבן טהורה, פון דעם האט יצחק באקומען זיין עשירות, 'ויזרע יצחק וגו' וימצא', מעין וואס די פסוק זאגט ביי א סוטה 'ונקתה ונזרעה זרע'.

### ◆ חנה, אסתר

אויך ביי 'חנה' די מאמע פון שמואל הנביא איז באקאנט די גאנצע מעשה וואס עלי האט איר חושד געווען, ווי די גמרא פארציילט אין ברכות (לא ע"ב), דאס הייסט אז ס'איז געווען ביי איר די ענין פון א סוטה וואס איז טהור, ווי ס'שטייט (שמואל א פרק א יג) 'וְחַנָּה הִיא מְדַבֶּרֶת עַל לִבָּהּ וגו', וַיַּחְשְׁבֶהָ עֵלִי לְשִׁכֹּרָה'.

און די ספרים זאגען אז אין די זכות וואס מ'האט איר חושד געווען, און די דאזיגע זכות איז זי טאקע געהאלפן געווארן, ווי די גמרא זאגט דארט אז 'עלי' האט איר געבענטשט, ווייל אויב מ'איז חושד א מענטש דארף מען אים בענטשן, מ'דארף אים צוריק געבן זיין כבוד, ענדליך צו א סוטה אז אין די זכות פון 'חשד' פועלט מען ישועות (און מ'קען מרמז זיין אז 'שכורה' איז א ענין פון א 'שטות', און אויך 'סוטה' איז מלשון 'שטות', חנה איז נחשד געווארן מיט מעשה שטות, אז זי פירט זיך אויף 'שלא כמנהגה של עולם').

און דאס איז די ענין פון דעם וואס חנה האט געזאגט 'אם ראה תראה' ווי די חז"ל (ברכות שם) זאגען אז זי האט געזאגט "אם ראה, מוטב, ואם לאו תראה, אלך ואסתתר וכו'", זי האט אהין געברענגט די ענין פון סוטה. (לרמז, שמואל הנביא איז געווען א 'נזיר עולם', פונקט די פארקערטע פון 'סוטה', א סוטה איז הפקר, און א נזיר איז אפגעשיידט. אויך איז אינטערסאנט צו צוצייכנען די אריז"ל אין שער הגלגולים הקדמה לו, אז 'עלי' און 'חנה' זענען געווען א גלגול פון 'יעל' און 'חבר הקיני', זיי האבן געהאט א שייכות אישי נאך אין די פריערדיגע גלגולים, ואין לנו עסק בנסתרות).

נאך טרעפט מען די ענין פון 'סוטה' ביי אסתר, ווי ס'איז מבואר באריכות אין ישמח ישראל פרשת שמיני, אז ס'איז געווען אויף אסתר חשדות "עד עכשיו באונס, ועכשיו ברצון", און דייקא פון דעם איז ארויסגעקומען די ישועה פאר כלל ישראל, מעין די ענין פון 'ונקתה ונזרעה זרע', און יהא חלקי וכו' (עי"ש באריכות). און ס'איז מרומז אויך אין איר נאמען 'אסתר' מלשון 'הסתר', אז זי איז געווען אין א מצב פון הסתר, מ'האט איר חושד געווען.

אויך קען מען צולייגען, אז ס'איז דא גאנצע סוגיות ביי 'אסתר', אויב מ'קען זאגען 'אסתר קרקע עולם' (עי' בסנהדרין ע"ד בגמ' וראשונים), אויך אין די מדרשים איז א סוגיא, צו זי האט טאקע געשיקט א שד אדער נישט וכו', אויך די זוהן פון אסתר איז נישט קלאר. וואס די אלע ענינים זאגען די 'חשדות' וואס זענען געווען אויף איר, וואס אין זייער זכות האט זי געקענט פועל'ן א ישועה פאר כלל ישראל.

### ◆ ויחר אף יעקב ברחל

נאך א ענין פון סוטה קען מען מרמז זיין ביי יעקב און רחל. ס'שטייט אז רחל האט געבעטן פון יעקב ער זאל מתפלל זיין אויף איר, און די פסוק זאגט אז יעקב האט זיך געבייזערט, 'ויחר אף יעקב ברחל'. איז יעדער וואונדערט זיך, ווי קען דאס זיי אז יעקב האט זיך נישט מרחם געווען אויף איר, און ווי אזוי האט ער זיך אזוי געבייזערט מיט א 'קנאות' און א כעס, בשעת זי איז אזוי פארוויטאגט.

די ספרים הקדושים (מבשר טוב ויצא ד"ה ויחר בשם דער רבי ר' אלימלך) זאגען אז יעקב האט אינזינען געהאט לטובה, ער האט געוואלט אז די 'אהבה' זאל אביסל נפסק ווערן, אזוי וועט זי צובראכן ווערן און מתפלל זיין. אויך שטייט דאס פאר א סגולה, אז אויב די 'אהבה' ווערט נפסק אביסל, איז דאס א סגולה פאר 'פקידת עקרות' (ווי די באקאנטע מעשה אין מדרש פון רשב"י). לענינינו קען מען זאגען אז יעקב האט אינזינען געהאט זי זאל אריינגיין אין א מצב פון 'חושדין אותה ואין בה', און א דרגא פון 'סוטה', ער וועט זיך בייזערן אויף איר און באמת האט זי גארנישט געטוהן, אזוי וועט זי געהאלפן ווערן מיט 'ונקתה ונזרעה זרע'.

## גדר ברכות

די גדר פון 'ברכה' איז שפע וואס גיסט זיך, די כללות'דיגע שפע פון די וועלט ווי ס'קומט אריין אין פרטים, די וועלט האט אסאך שפע וטוב, יעדער שפע ושפע איז א פרטיות'דיגע שפע פאר זיך, און די כלל השפע וואס גיסט אריין שפע אין אלע פרטים, דאס ווערט אנגערופן 'ברכה'.

יעדער פרטיות'דיגע שפע פאר זיך, איז נאך נישט בכלל 'ברכה', די גדר פון 'ברכה' איז נאר ווען מ'רעדט פון די 'כלל השפע', זעהנ'דיג די וועלט ווי א פילע 'בריכה' מיט שפע וטוב וואס גיסט זיך איבער אלע ברעגען, און רינט אריין אין אלע פרטים אריין ('ברכה' מלשון 'בריכה' כידוע. אויך א 'מתנה' וואס ווערט געגעבן מיט א ברייטקייט, ווערט אנגערופן 'ברכה', ווי די לשון הפסוק 'קח נא את ברכתי', בראשית לג יא, רד"ק ערך ברכה).

א אינטערסאנטע נקודה זעהט מען ביי די ניסחאות ה'ברכות' וואס די חז"ל האבן מתקן געווען, אז די ניסוח איז אלעמאל אויף די כלליות השפע. למשל, א יוד נעמט א עפל אין האנט צו עסן, האבן די חז"ל מתקן געווען ער זאל מאכן די ברכה 'בורא פרי העץ', מ'זעהט נישט ער זאל דאנקן אויף די דאזיגע עפל וואס ער האלט אין האנט, "ש'כח באשעפער פאר די דאזיגע עפל", נאר מ'דאנקט בכללות אויף אלע פרוכט פונעם בוים. מ'דאנקט אז ער איז דער מקור השפע והברכה, ער האט באשאפן די גאנצע זאך פון 'פרי העץ'.

אויך ביים בענטשן זאגט מען נישט קיין איין ווארט אויף דאס וואס מ'האט יעצט געגעסן, 'יישר כח אייבישטער אז די האסט מיר געגעבן צו עסן' וכדומה, נאר מ'רעדט בכללות פון די כלל השפע, אז דער אייבישטער איז א 'זן ומפרנס לכל' וכדומה. אויך ביי 'אשר יצר' לויבט מען נישט אויף די הנאה וואס מ'האט יעצט געהאט ארויס צו גיין, נאר מ'לויבט בכללות אויף די וואנדער פון די מענטשליכע באשאף מיט זיינע נקבים וחלולים און ווי אלעס קלאפט. און אזוי איז ביי אלע ברכות.

צומאל איז עס אביסל שווער צו אינזין האבן, היות מ'רעדט קיינמאל נישט פון 'זיך', פון די אייגענע הנאות, אלץ רעדט מען נאר פון די 'זאך'. אבער פון די אנדערע זייט דא דערהערט מען מיט די טיפקייט און די יסוד פון 'ברכות', דאס איז טאקע די ציל מיטן מאכן ברכות, די חז"ל האבן געוואלט אז פון די אייגענע הנאות, זאל מען זיך אויפהייבן צו לויבן אויף די גאנצע מציאות השפע, אויף די גאנצע שפע וואס דער אייבישטער געבט פאר די וועלט.

און אזוי טייטשן אלע ראשונים 'ברוך אתה', די ביסט 'ברוך', די ביסט דער מקור השפע והברכה פון די גאנצע וועלט, וואס אויטאמאטיש איז אויך נכלל אין דעם אז ער איז דער מקור השפע והברכה פון די דאזיגע זאך, פון דאס וואס ער האט יעצט הנאה געהאט.

## ריבוי ברכות

די חז"ל האבן מתקן געווען צו מאכן 'מאה ברכות' יעדן טאג (מנחות מג). די לומדים קלערן, אויב מ'ווייסט אז מ'גייט נישט אנקומען צו הונדערט, צו ס'איז דא א ענין פון מרבה זיין בברכות, די גייסט טאקע נישט אנקומען צו הונדערט, אבער כאטשיג פראביר ווי מער. אדער ניין, היות מ'גייט ממילא נישט אנקומען צו הונדערט, איז נישט דא קיין ענין צו סתם מרבה זיין. די שאלה איז שטארק נוגע יום כיפור צו ס'איז דא א ענין פון 'ריבוי ברכות', אפילו מ'גייט נישט אנקומען צו הונדערט.

פון די גרי"ז ברענגען די לומדים א ראיה, אז אויב מ'גייט ממילא נישט אנקומען צו הונדערט, איז נישט דא קיין ענין פון סתם ריבוי ברכות. אבער אנדערע זאגען אז די גאנצע יסוד פון מאה ברכות, איז די ענין פון 'ריבוי ברכות', 'ברכה' מיינט ריבוי שפע, און הונדערט איז א דער גרעסטע ריבוי ('אלף' קומט שוין צוריק צו 'אחד' כידוע), ממילא איז זיכר דא א ענין מיט די עצם ריבוי. און אדרבא דאס האט דוד המלך מתקן געווען אנטקעגען מגיפות, 'מגיפות' קומט פון א ריבוי קללות ל"ע, איז אנטקעגען דעם האט ער אריינגברענגט א ריבוי פון ברכות, מאה ברכות בכל יום, א ריבוי אנטקעגען א ריבוי.

ס'איז דא וואס האלטן (שיטת הגר"י פערלא) אז די 'מאה ברכות' איז נישט קיין חיוב, ס'איז פשוט די מציאות'דיגע טעגליכע מספר, אז די נעמסט צוזאמען אלע ברכות וואס מ'איז ממילא מחויב, די שמונה עשרה'ס מיט די אנדערע ברכות וועט עס אויסקומען בערך צו הונדערט, און דאס וואס מ'דארף משלים זיין שבת און יום טוב, איז נישט ממש א חיוב. אבער גאר אסאך האלטן אז ס'איז יא א חיוב, מ'האט געוואלט דוקא הונדערט ברכות, די חז"ל האבן געוואלט די מספר פון הונדערט, א מספר פון ריבוי שפע וברכה.

די חז"ל זאגען אויף די פסוק 'מה ה' אלקיך שואל מעמך', 'אל תקרי מה אלא מאה', מ'קען עס טייטשן אז מ'זאל נעמען די 'מה', און עס איבערדרייען צו 'מאה', דאס הייסט מ'זאל נעמען די יראה וואס א מענטש דערהערט אז ער איז גארנישט, און עס איבערדרייען צו 'מאה', דער גארנישט זאל ער אנפילן מיט א ריבוי פון שפע וטוב, מיט א ריבוי פון ברכות.

**גאנץ**
**דאוונען האבן די הייליגע חז"ל**
**אוועקגעשטעלט אויף א צורה פון 'ברכות',**
**'ברכת השחר', 'ברוך שאמר וישתבח', 'ברכות**
**קרי"ש', 'שמונה עשרה ברכות', אויך 'ברכת**
**כהנים' איז א חלק פון תפלה**

## ברכות ביים דאווענען

גאנץ דאווענען האבן די הייליגע חז"ל אוועקגעשטעלט אויף א צורה פון 'ברכות', 'ברכת השחר', 'ברוך שאמר וישתבח', 'ברכות קרי"ש', 'שמונה עשרה ברכות', אויך 'ברכת כהנים' איז א חלק פון תפלה. מ'דארף פארשטיין פארוואס טאקע האבן די חז"ל אוועקגעשטעלט די צורה פון דאווענען מיט 'ברכות', פארוואס קען מען נישט בעהטן סתם אזוי מיט א לשון 'בקשה', וואס האט דאווענען מיט 'ברכות' צו טוהן.

נאר די עומק איז אז ווען א מענטש בעט סתם בלשון בקשה, אהן די לשון 'ברכה', דאן בעט ער נאר פון זיין פלאץ, פון זיינע צרות און שוועריגקייטן, אבער ווען ער בעהט בלשון 'ברכה' הייבט ער זיך אויף צום אייבירשטן דער 'מקור הברכה והשפע', ער פאנגט אהן 'ברוך אתה ה', די ביסט 'ברוך', די ביסט דער מקור השפע והברכה, און שטייענדיג ביים מקור השפע בעהט ער וואס ער וויל בעהטן (ביי א 'ברכה ארוכה' וואס מ'איז אביסל אוועקגעפארן, זאגט מען נאכאמאל 'ברוך אתה', כדי צוריק צוקומען צו די מקור השפע והברכה).

און די ברכות וואס מ'בעהט, איז אויך נישט מיט א ניסוח פון די אייגענע ענינים, נאר מ'בעהט אויף די 'זאכן', אויף די זאך פון דעת, אויף די זאך פון תשובה, די 'דעת' אין די וועלט זאל נתמלא ווערן, 'תשובה' אין די וועלט זאל ווערן נתמלא און אזוי ווייטער. דאס איז די צורה פון די ברכות ביים דאווענען, תפלות בניסוח ברכה, מ'בעהט פונעם אייבירשטן דער מקור הברכות,

המשך בעמוד הבא

זאל ממלא זיין, זיין אייגענע וועלט, מיט שפע וברכה, די גאנצע וועלט זיינער זאל ווערן פיל מיט אלע כללות'דיגע ענינים וואס זי דארף. מ'בעהט נישט פון די אייגענע פרטיות'דיגער וועלט, נאר מ'בעהט פון דעם אייבירשטן'ס וועלט, אז די גאנצע וועלט זיינער זאל ווערן נתמלא בשפע.

## די לומדות פון ברכות

די חז"ל האבן מתקן געווען אסאך סוגים פון ברכות, ברכת השבח, ברכת הנהנין, ברכת המצוות, און אין יעדער סוג וסוג איז דא פיל פרטיות'דיגע ברכות, 'ברכות השבח' איז כולל אלע ברכות פון דאווענען, 'ברכות הנהנין' האט אין זיך אלע ברכות אויף די הנאות פון די חושים, און 'ברכת המצוות' אויף אלע סארטן מצוות, יעדער מצוה ומצוה זיין פרטיות'דיגע ברכה.

די לומדים האבן א חקירה צו יעדער סארט ברכה איז א מצוה פאר זיך, אדער איז עס א כללות'דיגע מצוה צו לויבן דעם אייבירשטן אויף די גאנצע בריאה. לויט ווי געשמועסט קען מען הערן אז עס איז איין מצוה, צו לויבן דעם אייבירשטן אויף זיין בריאה, נאר ביי יעדער ענין וענין, ברענגט מען עס ארויס די ברכה אויף יענער פרטיות'דיגע צורה, לפי וואס מ'דארף דארט ארויסברענגען. ווייל אזוי ווי די שפע איז איין כללית'דיגע שפע וואס ווערט צוטיילט אויף אהן א שיעור פרטים, אזוי איז אויך די ברכות וואס מ'מאכט אויף די שפע איז איין כללות'דיגע מצוה פון מאכן ברכות, און דאס ווערט צוטיילט אויף אסאך קלענערע מצוות.

ס'איז מבואר אין הלכות ברכות אז 'ברכות פרטיות' זענען חשוב'ער ווי 'ברכות כלליות', למשל 'בורא פרי האדמה' איז חשוב'ער ווי 'שהכל', 'בורא פרי העץ' איז חשוב'ער ווי 'בורא פרי האדמה', ווי מער פרטיות'דיגער ס'איז, איז עס מער חשוב'ער. פון איין זייט איז חשוב ארויס צו ברענגען די כללות'דיגע חלק פון די 'ברכה', אז דער אייבישטער איז דער מקור השפע והברכה פון אלעס, אבער פון די אנדערע זייט איז די שיינקייט עס צו קענען ארויס ברענגען בפרטיות, ארויסברענגענדיג ווי די כללות'דיגע שפע גיסט זיך אריין אין יעדער פרט און פרט.

מ'פאנגט אהן 'ברוך אתה' שטייענדיג ביים אייבירשטן דער 'מקור השפע והברכה', נאכדעם זאגט מען 'מלך העולם' אז ער איז די מלך אויף די גאנצע שפע פון די וועלט, און נאכדעם זאגט מען יעדער ברכה בפרטיות, ארויסברענגענדיג אז דער מקור הברכות והשפע האט געמאכט אויך די און די פרט במיוחד. און דאס זאגען די חזל 'כל ברכה שאין בה מלכות אינה ברכה', א ברכה וואס האט נישט קיין 'מלכות' איז נישט קיין ברכה. ווייל די עומק 'ברכה' מיינט אז די גאנצע שפע וואס איז זעה דא אין די וועלט, דאס אלץ באלאנגט פאר אים, ער איז דער 'ברוך', דער מקור השפע, ער איז מלך אויף די גאנצע שפע.

## ברכת כהנים

'ברכת כהנים' איז די שורש אויף אלע עניני ברכות, די שורש פון 'ברכות' אין די תורה. די פסוק זאגט 'כה תברכו את בני ישראל ואני אברכם', 'ברכת כהנים' איז א צוזאם ארבעט מיט דער אייבישטער כביכול, די כהנים זענען 'שלוחי דרחמנא', די שכינה קומט איבער זייער קאפ, די שכינה קומט אראפ ביז זייערע אקסלען, 'ובין כתפיו שכן', די שכינה רוהט אויף זייערע הענט. זיי מאכן א הפסק מיט זייערע הענט, צווישען די שכינה און די מתפללים, און לאזען איבער אביסל חלונות וחרכים פאר די אור השכינה אדורך צו גיין, זיי עפענען פענסטערלך, וואס דורך די פענסטערלך זאל די השפעה קענען אראפ קומען.

די חז"ל זאגען 'כה תברכו בלשון הקודש'. דאווענען קען מען און אלע שפראכן, יעדער יוד בעט אויף זיינע ענינים, אבער 'ברכת כהנים' מוז עס זיין מיט דעם אייבירשטן'ס שפארך כביכול, מיט די לשון הקודש'דיגע שפראך. דאס הייסט אז 'ברכת כהנים' איז צוזאמען ארבעט מיט אים ממש כביכול, אויף זיין שפראך.

שטייט אין מדרש (במדבר רבה יא ב) אז די ברכות באלאנגען פאר די אייבישטער, ער אליינס פלעגט בענטשן זיין וועלט, שפעטער האט דער אייבישטער איבערגעגעבן די כח הברכות פאר אברהם אבינו, ער האט אים אוועקגעגעבן זיינס א זאך, נאכדעם האט ער עס איבער געגעבן פאר די כהנים. דאס הייסט אז דאס וואס די כהנים בענטשן ביים דוכנען, דאס איז באמת דעם אייבירטשן'ס ברכות, ער שיקט עס אראפ דורך די כהנים.

## אפילו לעם שבשדות

'ברכת כהנים' איז א ברכה און שפע פאר די גאנצע וועלט, דער אייבישטער דער מקור הברכות בענטשט זיין וועלט, און וועגען דעם ווערן געבענטשט אויך די 'עם שבשדות', ווייל זיי זענען אויך א חלק פון די וועלט, ס'איז א אלוועלטליכע ברכה.

די הלכה איז אבער, אז אויב מ'האט א ברירה, מוז מען קומען מקבל זיין די ברכות 'פנים נגד פנים', און אויב מ'איז נישט געקומען, איז מען נישט בכלל הברכה, די טעם הדבר איז ווייל דא האסטו קלאר געוויזען אז די ווילסט עס נישט, מיט דיין 'נישט' קומען מקבל זיין, האסטו ארויס געוויזען א זולזל. אבער בעצם איז די גאנצע בריאה בכלל הברכה, ווילאנג מ'ווייסט נישט ארויס קיין זלזול ח"ו.

און נאך שטערקער טרעפט מען, אז ביי די 'ברכת כהנים' פון די בני ארץ ישראל, קומט השפעות אויך פאר די בני חוץ לארץ, ווי דער שלה"ק (אגרות א"י סימן ל"ה) שרייבט פאר זיינע קינדער פון ארץ ישראל "הכהנים נושאים כפיהם בכל יום, ואני זוכר בכם וממשיך ברכה על ראשכם". און אזוי שטייט אין שו"ת תשובות והנהגות ח"א סימן ק"ל "רבני חו"ל יבקשו משני כהנים מיוחסים בא"י, שיכוונו בברכתם עליהם, ולא גריעי מעם שבשדות".

און מ'פארשטייט עס גוט מיט דעם יסוד פון 'ברכה', אז דאס איז טאקע די גדר פון א 'ברכה', ממשיך צו זיין 'שפע' דיירעקט פון דער 'מקור הברכות', וואס דאס גייט אויטאמאטיש פאר די גאנצע וועלט, כביכול דער אייבישטער אליינס פילט אהן זיין וועלט מיט ברכה, ער פילט אהן זיין 'בריכה' מיט א 'ברכה' פון מים חיים.

עיצוב: י.ב. 972-52-763-3424+

**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגסאם 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**הערט א שיינע לענגערע 'דיבאטע', וועגען די נושא פון בחורים**
**וואס פארן קיין ארץ ישראל לערנען, דריקט (174-1-1)**

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות:** zum-pintel+subscribe@googlegroups.com
**לנדבר הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**